STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01467

LIEBSHAFT

Avraham Vieviorka

Permanent preservation of this book was made possible by Dr. Elizabeth Short & Dr. Michael Friedman in memory of Theresa Gross Friedman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

DICKINSON

Abram Wiewerka

Liebschaft

אברהם וויעוויארקא.

ליעבשאפט

Cracow

פערלאג „שולמית“.

193065
6 7 13

PUBLIC LIBRARY
OF THE
CITY OF DENVER

y 892.41
W633l
cop. 1

ליכו ליט׳.

ליעבע און וועהטאג.

וויצען, א 1911.

PUBLIC LIBRARY
OF THE
CITY OF DENVER

דעמערונג.

ווייסטו, קינד, דעם סוד פֿון קוש
ווען די זון פֿערזונקט,
ווען עס שאָטענט זיך די שטוב
און דער קלויסטער קלינגט ?

ס׳פרעסען ליפען זיך צונאַנד,
פֿלאַמיג ווערט דאָס אויג —
צווייגיג ווערט דיין ווייסער גוף,
צווייגיג יעדער בויג...

אויף דיין ברוסט פֿערזונקט מיין קאָפּ,
כ׳הער ווי ס׳קלאַפּט דיין האַרץ —
ס׳איז דאָס לעבען און דער טויט;
זעה, די שטוב איז שוואַרץ...

ס׳פֿלעכטען זיך צוזאַמ׳ די פֿיס,
גליהענד ווערט און הייס;
ס׳בליצט דיין קערפּער — ווייסער פֿלאַם —
ר׳איז תכריכים־ווייס...

ווייסטו, קינד, דעם סוד פֿון קוש
ווען די זון פֿערזונקט ?
ס׳איז דאָס לעבען און דער טויט —
הער, דער קלויסטער קלינגט...

* * *

דיין בליק איז טיעף, דיין ליפּ איז רויט —
און איך בין שוואַך — איך בין אַ קינד ;
איך ליעב דיין לייב און שרעק פאַר זינד,
איך טרינק דיין ווין און שרעק פאַר'ן טויט...

דיין האַנד איז ווייס, דיין לאָק איז שוואַרץ —
דיין רויטע ליפּ מאַכט מיך פערשמאַכט...
אָ, קום צו מיר אין האַלבער נאַכט,
און טרונק דאָס בלוט, וואָס ס'טריעפט מיין האַרץ !

אין האַלבער נאַכט, ווען ס'גליהט דיין ליפּ —
אָ, קום צו מיר, דו ווייסע רויז !
פערזונקען וועל איך אין דיין שויס
און קלאַמערען זיך אָן דיין ריפּ...

אַ ווייכע רינג — דיין ווייסע ריפּ,
און, איך, מיין קינד, איך בין פערשמאַכט,
אָ, קום צו מיר אין האַלבער נאַכט —
פערגראָב אין מיר דיין רויטע ליפּ!...

און רייד קיין וואָרט נישט... האַלדז און שווייג !
און קוק נישט, קינד מיינס, צו דער שויב;
עס פינסטערט דאָרט... אָ ווייסע טויב!
אין חשך וויעגט זיך דאָרט אַ צווייג...

— מיך שרעקט די צווייג אין וויעג פון ווינד
איך מיין, אַז ס'איז אַ וואונק פון טויט...
אָ, קום צו מיר! — דיין ליפּ איז רויט,
און איך בין שוואַך, איך בין אַ קינד...

נאכט.

דאָס ליכטעל צאַנקט, דער פֿלאַם פֿערטיקט...
דאָס בעטעל־וויס... אָ, הער, עס זינגט
מיין האַרץ צו דיר... דער שאָטען שלינגט
אונז ביידע איין...—איך ווער דערשטיקט!—

איך ווער דערשטיקט, פֿון פֿלאַם פֿערברענט!—
דו ביסט אַ רויז און ביסט אַ שלאַנג...
דיין אויג פֿערשפּאָט מיין האַרץ־געזאַנג,
און פֿליקסט מיין בלום מיט דיינע הענד...

מיט דיינע הענד פֿון ווייסען זייד——
דיין קניע, זי גיט זיך נישט קיין בויג— — —
איך זעה ווי ס'שפּעט מיט גלאַנץ דיין אויג —
איך ווער פֿערצעהרט פֿון ליעבשאַפֿט־לייד...

פֿון ליעבשאַפֿט־לייד, וואָס ברויזט ווי ים...
אָ, זעה נאָר, קינד, דאָס בעט איז וייך,
די נאַכט איז שטיל און קיהל און בלייך — —
און ס'ליכטעל צאַנקט... עס טיקט דער פֿלאַם...

* * *

מיין קינד,
די רגע רינט, די רגע פליהט,
דער טויט ער ווינקט, דער טויט ער ציהט;
דער שווארצער סוף, ער ווערט געוועבט,
און גארנישט נאך דאך נישט געלעבט,
א, קינד!...

מיין קרוין!
וואו איז דער לוין פון לייד און פיין?
דאס לעבען איז דאך נור א שיין,
א בליצען־שיין, וואס מאכט נור בלינד,
וואס נארט מיט גליק און שרעקט מיט זינד,
מיין קרוין...

א, פאנג!!
פערגעס אן קלאנג, וואס הייסט: „די זינד" —
דאס לעבען איז א ווירבעל־ווינד!
עס ברענט מיין הארץ און ס'פלאמט דיין ברוסט,
נו, פלאקער־אויף אין פלאם פון לוסט
און צאנק!...

מיין טרוים!
א, נישט פערזוים, מיין הייליג קינד,
דען אונזער איז דאס גליק פון זינד,
די זיסע זינד פון גליק און שרעק —
א, זעה, עס געהט די נאכט אוועק
אין טרוים...

אין רויטע שייז.

עס לייכט די לאָמפּ מיט רויטען שיין,
ווי רויזען רויט, ווי רויטער וויין.
די שטוב איז שטיל און רויט בעגלאַנצט,
דאָס בעטעל נור איז וויים און בלייך —
מיין מעדעלם קאָפּ איז שוואַרץ בעקראַנצט,
איהר אויג איז שוואַרץ, איהר שוים איז ווייך...

די שיין פון לאָמפּ איז ווייך און רויט,
ווי רויזענגלאַנק, ווי זונענטויט...
מיין מעדעלם אויג איז שוואַרץ ווי נאַכט,
איהר ליפּ איז רויט — געגליהטער וויין —
פון חלום האָט זי שטיל געלאַכט
אין בלוטיג־ווייכען רויטען־שיין...

די ליכט פון שטוב איז פורפור־רויט,
דאָס בעטעל נור איז בלייך ווי טויט — —
מיין מעדעלם האַלז איז ווייך און ווייס,
איהר ליפּ איז רויט, איהר אויג איז שוואַרץ — —
די ליכט איז רויט, מיין אָטהעם — הייס,
און פורפור־רויט איז אויך מיין האַרץ...

* *
*

עס לאַסט אויף מיר דער פֿלוך פֿון גאָט,
און פרעסט מיין האַרץ מיט שמערץ פֿון זינד –
דו רויזענטרוים, דו ווייסער סוד!
דו מענשענקינד, דו בלומענגאָט!
אָ, קוק אויף מיר, דיין זינדיג קינד...

איך שרעק פֿאַר ליכט און כ'שרעק פֿאַר'ן טויט,
מיך שרעקט דער טאָג, מיך שרעקט דער חצות–
אָ, טרינק מיין בלוט, ס'איז היים און רויט,
נאָך איידער ס'שלינגט אונז איין דער טויט – –
מיין האַרץ, אָ, איז דיין רויטער כוס!...

דו ביסט מיין טרוים, דו ווייסע רויז,
איך טרוים פֿון טויט און לעב פֿון זינד.
ס'בעטרונקט מיט דופֿט דיין ווייכע שוים.
אַ שטראַל בין איך און דו – אַ רויז –
אָ, קוק אויף מיר, דיין זינדיג קינד!...

* * *

אַ רגע נאָך, מיין קרוין!
כאָטש נאָך אַ רגע זיך,
און שענק מיר פון דיין אויג
כאָטש נאָך אַ שוואַרצען בליק.

דיין אַקען האָט אַ פונקט,
אין איז ער גלאַנציג־ברוין,
און כ׳האָב איהם נישט געקושט —
אָ, נאָך אַ רגע, קרוין!...

דיין אַקען — ווייסער פּלאַם,
דער פונקט איז פונקען־רויט —
און כ׳האָב איהם נישט געקושט,
און טאָמער קומט דער טויט! —

און טאָמער קומט דער טויט —
דער טויט איז דאָך אַ בליץ —
און שטאַרבען קאָן איך נישט... —
אָ, קרוין, אַ רגע זיץ!...

* * *

שנעה־נעכט...

I.

דער שנעה איז ווייס און ווייך ווי דו,
די נאַכט איז טיעף און צאַרט און בלוי,
און ווי דיין אויג — בעפייכט מיט טוי...
די נאַכט פערזונקט אין ווייסער רוה —
אַ, ווייסע פרוי!...

דיין אויג איז בלוי, דער שנעה איז ווייס,
אזוי ווי דו... ווי ווייסער שוים,
אַ, הער ווי ס'זינגט דער ווייסער רוים...
דיין אָטהעם צוקט... מיין האַרץ ווערט הייס — — —
אַ, ווייסער טרוים!...

אַ, הער זיך איין — די שטילקייט זינגט,
אַ וויים געזאַנג, אַ שטומען ושום...
עס זינגט דער שנעה, דאָך איז ער שטום,
אזוי ווי דו... און לאַכט און ווינקט — —
אַ, ווייסע בלום!...

עס שלאָפט דאָם דאָרף, עס שטומט די נאַכט,
אַ, זונק מיט מיר אין ווייסען שנעה!
דער שנעה איז ווייך... ער בעהט זיך — זעה...
מיין האַרץ פערגליהט און ווערט פערשמאַכט —
אַ, זיסע וועה!...

דער שנעה איז צאַרט ווי ווייכער פוך,
און היים און ווייך — דיין יונגע שוים...
אַ, זונקען מיר!... און מישט זיך אוים
דיין מעדעל־דופט מיט שנעה־גערוך —
אַ, ווייסע רויז...

II.

ווי גרוים דאָם פֿעלד און ווייט און ברייט ! —
אויף ווייסען שנעה ליגט נאַכט געשפּרייט;
נאַכט און שנעה: עס ווייסט און בלויט —
ס'נעבעלט דאָרט און אפשר טוי'הט...
צי טוי, צי נעבעל — ס'איז מיר גלייך —
גיב דיין ליפּ און קוש און זוויג!
און שעפּטשע שטיל: די נאַכט איז בלייך...
און פֿערזונק אין שנעה דיין אויג.

אַ שטערן פֿליהט פֿון הימעל — וועה:
ער זונקט אין שוים פֿון ווייכען שנעה —
דער שטערען איז געוועזען רויט —
געבענקט צום שנעה, געפֿונען: טויט...
אַ שטערען — איך, און שנעה — דיין לייב —
גיב דיין ליפּ און קוש און זוויג...
דערקוש מיך טויט, דו שנעה־ווייך ווייב,
ברען מיין האַרץ, דו פֿלאַמענאויג !...

אַ, וועה: נישט ווייט אַ הייזעל שטעהט,
מיט נאַכט פֿערהילט און ווייס פֿערשנעהט.
קום אַהין, אַ, האַרציג קינד —
זאָגען מיר: עס שמייסט אַ ווינד...
דאָם הייזעל איז אַ שטילע נעסט,
און אַ בעטעל שטעהט דאָרט ווייך...
און גוטע מענשען ליעבען געסט
ווען די נאַכט איז שטיל און בלייך...

זאָג דעם אמת זיי נישט אוים:
„שוועסטער־ברודער פֿון איין הויז"...

ווען דאָס הייזעל דרימלען וועט,
גערען מיר אין ווייכען בעט,
קיטלען מיר זיך פעסט צוזאַמ',
טיעף־געפלאָכטען זיך די הענד...
און דאָס בעטעל געהט אין פלאַם,
דרויסען דעקט דער שנעה די וועגד...

קום אַהין, אָ, האַרציג קינד —
זאָגען מיר: עס יאָגען הינד...
זאָגען מיר: עס שרעקט די קעלט
און דאָס ווייסע שטומע פעלד...
זעה: עס בלייבעלט דאָרט די שויב...
זעה, דער שנעה, ער ווינקט און לאַכט...
כ'פלאַקער קום... אָ, ווייכע טויב!
הער וואָס ס'רעדט די ווייסע נאַכט...

III.

ס'גלאַנצט דער שנעה און בליצט און בלענדט,
און מילד און ווייך ווי יונגפרוי־שוים—
ניב מיר, קינד, די ווייסע הענד —
עס בליהט דיין באַק ווי רויטע רויז,
כ'הער, דיין אָטהעם גליהט און ברענט...

ס'בליהט דיין באַק ווי רויטע רויז,
עס גליהט דיין אויג מיט ליכט פון זינד —
ס'ברענט און פלאַמט דיין ווייכע שויס...
אָ, זינק אין שנעה! נישט שרעק זיך, קינד,
ס'זאָגט דער שנעה קיין סוד נישט אויס...

גראָבען מיר זיך טיעף אין שנעה,
און זאָל ער ווערען רויט צוגליהט
פון דעם פלאַם פון ליעבע־וועה!..
אין מיין הארצען ליעבשאַפט בליהט—
זינק אין מיר און איך—אין שנעה...

זעה, דער הימעל — בלויער טייך
מיט פונקען פון דיין בליק בעשפריצט...
זינקען מיר! — דער שנעה איז ווייך —
דער שנעה איז בלאנק און בלענדט און בליצט,
און די נאַכט איז שטיל און בלייך...

ווייסער שנעה און שוואַרצע האָר,
און קאַלטער בלאַנק מיט פלאַמענבלוט,
ווייסער בליק און קינדערפאָר,
און שנעהען־פלאַם מיט יוגענדגלוט —
אָ, אַ רייצענד פאַרבענבאָר!..

IV.

ווייסע שטילקייט. ווייכער שנעה. און בלויע נאַכט...
ס'פעלד איז ווייס און זינקט אין דרימעל,
און דער טיעפער בלויער הימעל
הענגט אַ חופה... זעה! אַ באַרג שטעהט דאָרט פערטראַכט. —

ווייס בעדעקט און וואַלד בעזועצט און טרוים בעשפינט —
הער, ער זינגט אין ווייסען שווייגען...
זעה די זילבער־ווייסע צווייגען...
הערסטו, קינד? עס זשומט... איך מיין אַ טייכעל רינט...

ווייס איך?.. אפשר שעפטשעט גאָר די נאַכט פון טרוים—
שעפטשעט ווייסע בענקשאַפטס ליעדער — —
זעצען מיר זיך דאָ אַנידער
פעסט געהאַלזט... אַ לעבענס־פּאַר אין שטילען רוים...

פעסט געהאַלזט און האַרץ צו האַרץ — א יוגענד־פּאָר —
לעבענס־פּאָר בעשטימט צו שטאַרבען—
זעה, עס בליצט דער שנעה מיט פאַרבען,
און מיט פונקען שוואַרצע בליצען דיינע האָר...

מעדעל, שטילער... הער, עס פליעסט אַ טרויריג ליעד.
טרויריג ווי דער טרוים פון לעבען —
שטילע טענער שווימען, שוועבען —
ס'זינגט אַ מענש פון דאָרף, וואָס איז פון לעבען מיעד:

„אוי, ווי גוט אין קבר איז —
גאָרנישט הערט מען, זעהט מען נישט,
נישט קיין מעדעל, נישט קיין פויגעל—
אוי, ווי גוט אין קבר איז"...

זעהסט, מיין קינד, דער שנעה זאַפּט איין דאָס ליעד און לאַכט...
אוי, עס נאַרט דער שנעה, דער ווייכער ! —
זעה, די נאַכט ווערט בלאַסער, בלייכער...
אָ, מיין קינד, מיך שרעקט דער פאַלשער בליק פון נאַכט...

כ'שרעק מיך, קינד, אָ, זעה, דער באַרג — אַ בייזער ריעז...
זעה, די שטערען שפּעטען, לאַכען...
זעה — — דער טויט טוט אונז בעוואַכען ! — —
הער ווי ס'שעפּטשעט: אוי, ווי גוט אין קב"ר איז...

רוק זיך, נעהנטער, קינד, די נאַכט איז ס'אויג פון טויט...
האַלטען מיר זיך פעסט צוזאַמען,
ביז עס וועט אין פורפור־פלאַמען,
מאָרגענזון אין מורח גליהען בלוטיג־רויט...

א בריעף.

I.

און נעכטען, קינד, נאָך האַלבער נאַכט,
האָב איך געשלאָסען מיינע אויגען —
די בענקשאַפט האָט אין מיר געוואַכט;
דיין אויגענשיין, דיין יוגענדפּראַכט
האָט מיך געצעהרט. דאָס האַרץ פערצויגען —
דער זייגער האָט געקלאַפּט צום טאַקט,
אַ ציטער־שטילען בענקשאַפטס־קלאַנג,
אַזוי ווי דאַמאָלס שפּעט ביינאַכט —
די בענקשאַפט האָט אין מיר געוואַכט...

און שטראַלינג־מילד און ליליען־ווייך
דיין בילד פון ווייטענס האָט געצויגען,
ווי פון אַ ווייטען כשוף־רייך — —
דאָס פּנים נור געווען איז בלייך,
דיין בליק געבליצט האָט — רעגענבויגען!
ווי דאַמאָלס האָט דיין ליפּ געגליהט,
דיין האַלז ווי ווייסער שנעה געבלענדט...
די נאַכט ווי דאַמאָלס — — שטיל און בלייך,
דאָס בעטעל קלאָר און ריין און ווייך...

דיין האַלז ווי ווייסער שנעה געבלענדט,
צולאָזט האָסטו די שוואַרצע לאָקען —
געשטרעקט האָסטו צו מיר די הענד— —
מיין האַרץ געפלאַמט האָט און געברענט,
געפלאַמט פון גליק און זיך געשראָקען —
געשראָקען זיך: דער זיסער טרוים
פערשוואונדעט באַלד, צערינט ווי שוים...

און פלוצלינג, אָ! דיין ברוסט... דיין שויס...
דיין ווייסער גוף, וואָס שמעקט ווי רויז!...

ווי דאַמאָלס, קינד אין שטילער רוה...
עס הערט זיך נור דער זייגער־קלאַנג —
און אַלעס שלאָפט, נור איך און דו
אין בעטעל וואַך... פון ערגעץ־וואו
דערשווימט אַ וויכעס סוד־געזאַנג...
און שטילער... שאַ... עס גליהט דיין לייב...
און האַרץ צו האַרץ... מיר פלאַמען אויף!...
אַזוי ווי דאַמאָלס שפעט ביינאַכט...
מיין ליעד האָט ווידער אויף געוואַכט — — —
— — — — — — — — — — — —

פערגאַנגען איז די שטילע נאַכט,
האָב איך געעפענט מיינע אויגען —
אַ שרעקען האָט אין שטוב געוואַכט — —
מיין יוגענד האָט פון מיר געלאַכט
און איז פאַר מיר פערבייגעצויגען —
דער זייגער האָט געקלאַפט צום טאַקט,
אַ קאַלטען, וויטען שפּאָטען־קלאַנג...
דער גרויער מאָרגען האָט געלאַכט —
דער חלום האָט אַ שפּאַס געמאַכט!..

II.

מאָרגען, קינד, נאָך האַלבער נאַכט,
היל דיין לייב אין ווייסקייט לייכט...
טיר און לאָדען צוגעמאַכט —
שליס דיין אויג... און זעה: עס שלייכט

אין דעם טונקעלען צימער־רוים,
איך צו דיר, מיין הייליג קינד...
כ׳שלייך זיך שטיל און גרינג, ווי טרוים —
מיך געטראָגען האָט דער ווינד...

זעה מיין פנים — ווי פערבלייכט:
צער פון לעבען שרעק פאַר׳ן טויט —
כ׳האָב דיין בעטעל שטיל דערגרייכט —
ס׳פלאַמט דיין פנים — בלייך און רויט...

שטרעקסט צו מיר די ווייסע הענד,
ס׳פליסט אין צימער שטום־געזאַנג...
טונקעל־שטיל... די שטומע ווענד
קוקען אויף דעם ליכט־געצאַנק...

— — — — — — — — — — — —

אין דערפריה, דו האָסט ערוואַכט,
גרויי דער מאָרגען שפעטען וועט
פון דיין חלום פון ביינאכט,
ווייזט דיר, ביסט אַליין אין בעט —

שרעק נישט, קינד, איך בין געוועזן,
קוק נישט וואָס דאָס בעט איז לעהר,
זעה נאָר אויף דיין ווייסער ברוסט,
דאָרטען גליהט נאָך מיינס אַ טרעהר...

* * *

זי האָט געוויינט אין טיפֿער נאַכט...

איך האָב אין פֿלאָם געקושט איהר האַרץ — —
און פֿלעמעל־בלייך און שאָטען־שוואַרץ
געוועזען איז די שוואַכע ליכט...
אין שטוב געשוועבט האָט מיין געדיכט
שאָטען־שטיל און פֿלעמעל־בלייך...
און איהר פּנים ראָזע־ווייך
טיעף געטרוימט האָט און געלאַכט
און געוויינט אין טיעפֿער נאַכט...

אין טיעפֿער נאַכט האָט זי געוויינט...

איהר ווייסע ברוסט האָט טיעף געברענט,
זי האָט נעשטרעקט די ווייסע הענד,
געזוכט מיין האַלז אין תאווה־וועה...
איהר פּנים צאַרט ווי בלוט מיט שנעה,
האָט געבליהט מיט ליעבע־לייד...
איהר פּנים מילד ווי ראָזער זייד
האָט אין בושה טיעף געשיינט...

און אין טיפֿער נאַכט געוויינט...

זי האָט געוויינט אין טיעפֿער נאַכט...

עס האָט איהר טרעהר מיין האַלז בעפֿייכט,
אַ שרעקען האָט אין שטוב געשלייכט
און טונקעל־שטיל געשעפטשעט רייד...

* * *

אין דרויסען האָט אַ האָן געקרעהט
און די שטומע שרעק צעיאָגט –
ס'שוואונד'ט די נאַכט! דער מאָרגען טאָגט!...
מיט מאָרגענפרייד האָב איך געלאַכט...

זי האָט געוויינט אין טיעפער נאַכט...

אין שטילקייט.

רוהיג, קינד, פֿערנעם די שטילקייט,
הער ווי ס'זינקט די נאַכט אין שווייגען —
פֿלעכטען מיר די יונגע אָרעמס
גלייך ווי ס'פֿלעכטען זיך די צווייגען
ווען עס וויעוט זיי ראַש דער ווינד —
אָ, פֿערזונק אין שטילקייט, קינד...

זעה, די שטוב — פֿערפֿלייצט פֿון שאָטען...
הער ווי ס'צעהלט דער זייגער קלאַנגען :
טיק־טאַק... טיק־טאַק... גלייך ווי ס'האַרץ דיינס...
גלייך ווי ס'וואָלטען פֿאַלען זאַנגען
איינס נאָכ' צווייטען ווייט אין פֿעלד,
פֿון דער בלויער נאַכט פֿערשטעלט...

קלאַמער דיך אָן האַלז אָן מיינעם,
און פֿערפֿלעכט די צאַרטע פֿינגער ! —
הער ווי ס'רוישען שטומע טענער...
גלייך עס וואָלט א בלייכער זינגער,
ערגעץ ווייט אין שוואַרץ געהילט,
שטומע ליעדער אויסגעשפּיעלט...

אָ, נעגונג שוין — הער נישט, הער נישט ! —
ס'קלאָנגט די וועלט געהילט אין שוואַרצען...
הער נישט, קינד... אָ, רוק זיך נעהנטער —
סטרונעס פּלאַצען אין מיין האַרצען !
כ'שרעק... איך מיין, אַז עפּעס לאַכט —
אפשר ווינט די שטומע נאַכט...

— יאָג, דו יונג, אַוועק די שרעקען !
ס'איז דער ווינער — ווייטער קיינער...
זעה, מיין דאַלז איז ווייך און וואַרים —
דו האָסט ליפען, ווייסע צייהנער...
און מיין בלוט איז רויט און היים —
פלאַמיג, פלאַמיג, קוש און ביים !...

זאָל די נאַכט אין דרויסען וויינען ! —
שליסען מיר זיך פעסט צוזאַמען,
זאָלען זיך די הערצער גליהען
און צוברענען זיך אין פלאַמען!
אָטהעם־היים און ליפען רויט...
— און אין פלאַם געפונען טויט?...

— ווייס ווי עפעל־פלייש מיין אקסעל,
קוילען־גליהענד דיינע ליפען...
מיינע אָרעמס צווייגען יונגע,
שטאָהלען־רייפען — דיינע ריפען!

. . . .

— אָ, די נאַכט איז שטום און שוואַרץ —
סטרונעס פלאַצען אין מיין האַרץ !...

א נאכט פון לעבען.

שוועסטער, טרינק! פּול אָן דעם כוס —
הער ווי ס'זינגט דער טיעפער חצות...
ווייַן איז רויט און דו ביסט ווייס,
זינק אין מיר — מיין שוים איז הייס!
ווייַן־געטראַנק און נאַכט־געזאַנג! — —
בליה אין פלאַם, דו ווייכעס ווייב! —
ווי אַ ווייסער, ווייכער שלאַנג
וויקעל דיך ארום מיין לייב,
זויג מיין הייסעס בלוט פון האַרץ... —
ווייַן איז רויט און נאַכט איז שוואַרץ...

פּול דעם כוס אָן — ווייַן איז בלוט!
נעהנטער קום... אַזוי... ווי גוט!...
ס'גליהט דיין ליפּ... ווי הייס... אָ, זויג —
פונקען זעה איך אין דיין אויג!...
זעה, עס טונקעלט זיך די שיין...
דיינע ברוסטען — ווייסער שנעה
זון־בעגלאַנצט... און רויטען וויין
הער איך רוישען טיעף אין זיי...
פעסטער, קינד!... אַזוי... איך טרונק...
זעה די שטוב... אָ, פלאַמען!... כ'זונק...

אָ, ווי פלאַמט דיין לייב... אַך נאָג
איידער ס'לאַכט אונז אוים דער טאָג...
ס'קלאַפּט דיין האַרץ — דיין האַרץ איז רויט...
...שוועסטער, קומט דען ווען דער טויט
רויבען מיך אַוועק פון דיר?..
...פעסטער, קינד... אַזוי... ווי גוט!..

...שטאַרבען וועל איך ?... אוי, איך פֿריהר !..
אָ, ווי גליהט אין מיר דאָס בלוט
פֿון דיין לייב, וואָס פֿלאַמט און ברענט...
— — — זעה, עס סוד'ען זיך די ווענד...

קייטלען מיר זיך פֿעסט די פֿיס !
אָ, אַזוי... ווי ס'ברענט !.. ווי זיס...
ס'זינגט אין פֿלאַמען יעדעס גליעד...
וויין און בלוט !... אין הארצען בליהט...
...איז דען מעגליך, אַז בייטאָג
קאָן איך זיין פֿון טויט נערוֹיבט ?..
ליעבסטע ! קינד ! אַך זאָג מיר, זאָג —
א־־־ך און טויט ?!.. איך בין בעטויבט !...
...פֿעסטער, קינד !... ווי זיס... אָ, טויב !...
זיס... דער טויט ?.. , ווי שוואַרץ די שויב !...

* * *

זיי מוחל, קינד, מיין שווערע זינד!...

די בלייכע נעכט פֿון שנעה־געזאַנג
מאַכען מיר מיין האַרצען שווער,
זיי מאַכען מיר מיין האַרצען באַנג —
כ'האָב געזעהן דיין שטילע טרעהר
האָב איך געמיינט, דו הערסט דעם קלאַנג,
וואָס קלאָגט זיך טיעף אין רויש פֿון ווינד,
און בעט אַ תיקון זיך אין זינד...

זיי מוחל, קינד, מיין שווערע זינד...

עס איז געוועזען אין ווייסער נאַכט,
ווען עס ווײנט מיין צימער־רוים,
ווען ס'קלאָגט זיך שטיל און ס'ווײנט בעוואַכט,
טיעף מיין ליעד, מיין האַרצענס־טרוים...
איך בין געוועזען פֿון שרעק בעוואַכט:
„די נעץ פֿון טויט, זי ווערט געשפּינט"...
און דאַן דערזעהען האָב איך דיך, קינד! —

זיי מוחל, קינד, מיין שווערע זינד...

איך האָב געזעהן דיין בליק, וואָס שמאַכט,
זוכט מיט שרעק אין בלייכער שטוב,
האָב איך געמיינט, די בלייכע נאַכט
ווינקט דיר אויך די שרעק פֿון גרוב...
עס האָט אין שטוב דער טויט געוואַכט — —
איך האָב געזעהן דיין טרעהר, וואָס רינט —
דיין אויג דערצעהלט האָט שרעק און זינד...

זיי מוחל, קינד, מיין שווערע זינד...

די בלייכע נעכט פֿון שנעה־געזאַנג,
שרעקען מיך מיט ווייסען טויט...
און דו — אַ הייסער שכור־טראַנק —
אָרעם־ווייס און ליפּען־רויט !...
און כ׳האָב געמיינט, דו הערסט דעם קלאַנג,
וואָס קלאָגט זיך טיעף אין רויש פֿון ווינד,
און בעט אַ תיקון זיך אין זינד...

זיי מוחל, קינד, מיין שווערע זינד !...

* * *

כ'האָב געזעהן דעם טויט ביינאַכט...

ס'איז געווען אַ פרוי־געשטאַלט:
מעדעל־צאַרט און בלומען־ווייך.
ווי אַ קלאַנג פון שטילען וואַלד,
ווי אַ זילבער־שטראַל צום טייך
האָט איהר בליק צו מיר געשפּיעלט
פון דעם בלייכען, ווייסען בעט...
פּלוצלינג האָט מיין בלוט געקיהלט:
כ'האָב דערזעהען אַ סקעלעט —
פינסטער־וויסט און גרוי און אַלט,
און זיך העסליך־שוואַרץ צעלאַכט —

כ'האָב געזעהן דעם טויט ביינאַכט...

ס'איז געווען אַ יונגע פרוי,
שוואַרץ־געפלאַמט און זון־בעשיינט...
ז'האָט בעטרונקען מיך מיט טוי,
און מיט האַרציג גליק געוויינט — —
ז'האָט געפּרעסט מיך צו איהר האַרץ...
פּלוצלינג האָט זי זיך צעשפּעט,
ווי אַ שאָטען ווילד און שוואַרץ —
כ'האָב דערזעהן אַ מת אין בעט,
פינסטער־וויסט, און אַלט און גרוי,
און זיך העסליך־שוואַרץ צולאַכט –

כ'האָב געזעהן דעם טויט ביינאַכט...

* * *

ס'האָט געשאָטענט זיך די וואַנד,
טונקעל איז געווען די לופט.
און איהר ווייסע צארטע האַנד
האָט בע'שיכור'ט מיט איהר דופט...
ד'האָט געשמייכעלט לייכט און מילד—
פלוצלינג האָט זי זיך צעברומט,
קנאָבינ־שוואַרץ און מיאוס און ווילד—
ס'האָט אין שרעקען זיך צעקרומט
שטום דער שאָטען אויף דער וואַנד...
עפעס האָט אין לופט געלאַכט —
כ'האָב געזעהן דעם טויט ביינאַכט...

שרעק און גרוקייט.

אקטאבער 1910.

ערב ראש השנה.

און ווידער אַ יאָהר האָט פערשלונגען דער רוים!
אָ, בויג אָן דיין קאָפּ און צעוויין דיך מיין קינד...
חדשים, אַך צוועלף, זענ' צערינען ווי שוים,
די ליכטיגע רגע'ס, די נעכט אָהן אַ טרוים —
פון לעבען אַ יאָהר האָט פערטראָגען דער ווינד...

פון לעבען אַ יאָהר האָט פערטראָגען דער ווינד!
פערשלונגען אַ יאָהר האָט פון לעבען דער טויט;
אַ יאָהר פול מיט מצוות, אַ יאָהר פול מיט זינד...
ווי קענסטו דען לאַכען און שמייכלען אַצינד? —
זעה נור ווי ס'פאַרבט זיך די מערב־זייט רויט...

זעה נור ווי ס'פאַרבט זיך די מערב־זייט רויט!
עס גוסס'ען די שטראַהלען פון יאָהר דאָרטביים ברעג;
דער מערב פערלעשט זיך: אַ יאָהר איז שוין טויט...
אַך, רעד נישט פון גליק איצט און רעד נישט פון נויט...
עס איז דאָך פון לעבען אַ יאָהר נאָך אַוועק!...

עס איז דאָך פון לעבען אַ יאָהר נאָך אַוועק —
אַזוי שלינגט דאָס קבר אונז ביסלעכווייז איין;
אַ רינגעל... אַ רינגעל... מיר שטעהען ביים ברעג,
פון לעבען גענאַרטע, בעטויבטע פון שרעק —
הערסט אונזער יתומ'על קדיש־געוויין?...

הערסט אונזער יתומ'על קדיש־געוויין? —
עס קלאָגט פון זיין האַרצען אַרוים שוין די שרעק,
ער פיהלט שוין זיין סוף — ער וועט אויך אַזוי זיין —
עס בליהט אין זיין אויג שוין דעם טויטס שוואַרצער שיין —
פון לעבען, מיין קינד, איז אַ יאָהר נאָך אַוועק...

פֿון לעבען, מיין קינד, איז אַ יאָהר נאָך אַוועק–
אַך, פֿליק דיר די האָר און צעוואַרף אויפֿ'ן ווינד,
און שריי! — — — אַז ס'זאָל'ן גליווער'ן הימלען פֿאַר שרעק!...
פֿון לעבען אַ יאָהר, אוי אַ יאָהר איז אַוועק — —
אָ, בויג אָן דיין קאָפּ און צעוויין דיך, מיין קינד...

שרעה.

אָ, לאָמיר אַנטלויפֿען אין וואַלד אַריין, קינד,
זאָל ברוזען און שטורמען, זאָל פֿייפֿען דער ווינד! —
דאָרט זעהען ווי ס'קנאַקען די דעמבעם און פֿאַלען,
מיר זענען סיי־ווי דאָך, סיי־ווי דאָך פֿערפֿאַלען!

דו זעהסט נישט דעם שאָטען, וואָס יאָגט אונזער טריט —
עס האָט זיך נאָך קיינער פֿון טויט נישט פֿערהיט;
טויט איז דער נ ע כ ט ע ן, נישט אונזער איז מ אָ ר ג ע ן —
קום אין דעם וואַלד צווישען צווייגען פֿערבאָרגען!...

אָ, קוק אָן דעם הימעל, אַך זעה נאָר ווי גראָה! —
איך זעה אין די כמאַרעם מיין שרעקליכסטע שעה — —
קום אין דעם וואַלד, אין די פֿעלזען־געשפּאַלטען —
מ'דאַרף דאָך פֿון טויט זיך, פֿון טויט, אוי, בעהאַלטען...

און איידער עס האָט נאָך דער טויט אונז פֿערלענדט,
אָ, לאָמיר צוזאַמען זיך קייטלען די הענד,
לויפֿען משוגע און רייסען דעם ווינד! —
לאָמיר אַנטלויפֿען אין וואַלד אַריין, קינד...

הערבסט.

I.

כ'וועל בויגען מיין קאָפּ און פּערשליסען מיין מויל,
זאָל גוסס'ען מיין קרעבץ אין דער ברוסט און פּערשטומען — —
עס קרעכצען די בוימער... די ווינדען זיי ברומען...
מוזיק פון דער גסיסה, דער ניגון פון גרויל...

עס קלאָגען די ווינדען אויף דאַך און אויף פּלויט,
עס כאָרכלען די ווירבלען פון קרעבצען אַ ניגון...
עס פאַלען די בלעטער אין צווייגיגען וויעגען,
עס קראַקען די קראָהען די בשורה פון טויט...

עס קאָרטשעט זיך איין אין יסורים דער וואַלד;
עס זיצען אין טיעפקייט אין זיינעם פּערבאָרגען,
די אַלטע מכשפות וואס שרעקען פאַר'ן מאָרגען,
און ברומען און היילען: מיר פריהרען... ס'איז קאַלט...

די פּנימ'ער — קנייטשען, פּערשרומפּפען און גראָה...
צעבראָכען די קערפּערס און גרינע די אויגען,
מיט ציינלאָזע מוילער... די ליפּען זענ' בלאָה — —

זיי קרעבצען און שעלטען... פּערפלוכען דאָם בענשען...
די ווינדען, וואס זענען דאָרט פונקט דורכגעפלויגען,
צעטראָגען די כללות דורך קוימענס צו מענשען...

II.

רחמנות !!
זעהט ווי ספּאַלט דאָ בלאַט נאָך בלאַט!...
בוימער שטאַרבען... הימלען וויינען...
ס'צאַנקט די זון דאָך אָהן אַ שטראַהל
אַ רויטען —
אפשר וועט זי שוין נישט שיינען...

ווי שימעל
גרויט און שרומפּפט זיך איין דער רוים — —
טויב די נאַכט און בלינד אָהן שטערען,
ווי אַ זקנה קראַנק און בלינד,
און פון די
בלינדע אויגען רינען טרערען...

רחמנות !!
זעהט ווי ס'שטיקט אין גענעץ אַלץ —
שווערע נעבלען... גרויע... מיאוס'ע...
אוי, עם קומט אויף אלץ אַ סוף
אַ גרויען —
הער דעם אָטהעם פון דער גסיסה!...

אַך, גרויליך — —
ס'וואַרגט און שטיקט זיך אלץ אויף דר'ערד,
שדים פליהען נור און שפּעטען — —
קומט, אַך מציל זיין וואָס ס'איז!...
כאָטש העלפען
דאָס, וואָס מעגליך איז צו רעטען!...

III.

קומט מיט מיר וויינען, איהר אַלע, וואָס ס'קלעמט אייך,
וואָס זעהען דעם סוף און פֿערמאָגען אַ טרעהר—
מיר זענען דאָך ברידער! דער סוף איז דער זעלבער!—
איין גאָט וויים צי וועלען מיר זעהען זיך מעהר...

אָ, זעהט ווי עס שטאַרבען די גראָזען און וועלקען!
אָ, זעהט ווי עס פֿאַלען די בלעטער פֿון צווייג — —
דאָס אָרעמע בוימעל, עס שטעהט און עס ציטערט,
עס זאָל עס דער ווינד נאַר נישט געבען אַ בייג...

חלילה אַ בויג, און עס האָט שוין אַ קבר...
עס פֿייפֿט שוין דער ווינד דאָרט מיט כעס אין דעם וואַלד...
אַך זעהט נור ווי ס'פֿיבערען אור־אַלטע בוימער —
עס רוקט זיך דאָס העסליכע טויטען־געשטאַלט...

אַך, לאָמיר זיך האַלדזען, אין ליעבשאַפֿט זיך שליסען!
מיר זענען דאָך ברידער פֿון לעבען און נויט —
אַך, לאָמיר נישט שטאַרבען אין לעבער פֿערבאָרגען —
אין ליעבשאַפֿט, אין ליעבשאַפֿט בעגעגנען דעם טויט!...

און זענען מיר ווייט זיך, דאָך זענען מיר ברידער
אין גרויסע מינוטען פֿון ריינעם בעגעהר —
אַך, לאָמיר זיך האַלדזען! אָ קומט מיר וויינען,
איהר אַלע, וואָס האָט אין דעם אויג נאָך אַ טרעהר!...

IV.

זעה, עס פֿאַלען בלעטער געלע... גראָזען װעלקען...
שװאַרצע בוימער.. ברױנע.. צװײַגען נאַקעט.. מיאוס און קראַנק...
זעה דעם הימעל: אַש מיט װאַסער... ס'איז דײַן שפּיגעל —
יעדעס בלעטעל איז דײַן חלום, יעדעס גרעזעל–דײַן געדאַנק...

זעה, דער נעבעל גיסט צוזאַמען ערד און הימעל,
ס'איז אַ פֿאַרהאַנג נור אַ גרויע... מענש, הויב אויף און זעה —
דאָרטען ליגט די חידה פֿון דײַן אײנזאַם לעבען,
דאָרטען ליגט דײַן ליעבע, שמחה און דײַן טיעפֿע װעה...

און האָסטו מורא, מענש, צו קוקען: שרעקסט זיך פֿאַר דײַן בידל —
העהר װאָס ס'רעדט דער װינד צו צװײַגען; ר'איז געשיקט פֿון גאָט;
העהר װי ס'פּײַפֿט דער װינד אויף חלומות... און די בלעטער פֿליקט ער —
העהר זיך אײַן װאָס ס'רעדט דער װינד, דער װינד דערצעהלט דײַן סוד...

זעה: דער װינד בעגראָבט די בלעטער און פֿערשיט זיי,
און װי גאָרנישט פּײַפֿט ער אונטער מיט זײַן טויט־געזאַנג...
העהר, דו מענש, נור אויס דעם ניגון — ס'איז דײַן קדיש!...
יעדעס בלעטעל איז דײַן חלום... יעדעס גרעזעל–דײַן געדאַנק...

V.

אבטנד איז גאס.

זעה נאָר ווי ס'מישט זיך אוים אבענד מיט נעבעל,
הימעל און ערד ווי עס גיסט זיך צוזאַמען
וואַסערדיג־גרוי —
הימלען צערינען... אַ מבול פון גרויקייט...
ס'טריעפּען פון ערגעץ גנעפּענטע קראַנען
ניפּטיגען טוי...

זעה נאָר די געל־גרויע לופט... און די קוימענס—
אַלט־גרויער פאַרמעט צעקריטשעט און צעריבען,
טינט־גרין בעפלעקט...
רוק זיך דאָך נעהנטער צו, קינד, צו מיין אָרעם —
כ'ציטער... אָ, זעה נאָר, אין קוימען דעריבען
ליגט וואָס פערשטעקט...

ס'גלאָצט מיט די אויגען אַריין אין דעם נעבעל...
זעה נאָר... אַ קאָפּ אַ גע'שחט'ענער... אויגען...
טויטע... פערקלערט...
איך וויים שוין... איך האָב זי די שרעקליכע מעשה,
שרעק פון די צייטען וואָס זענען פערפלויגען,
לאַנג שוין געהערט:

„ס'איז געווען אַ רב מיט זילבער־ווייסע האָר,
מיט געטליך ליכט אין אויג, געשטראַלט מיט ריינעם גלויבען.
טעכטער צוויי געהאַט — אַ ריין מלאָכים־פּאָר,
געלויכטען ווי די זון, געליעבט זיך גלייך ווי טויבען...

זענען גוים ווילדע, געקומען אין דער שטאָדט,
מיט מחנות שווערע, רייטער, ביקסען פערד און וועגען—
און גענויט די יודען טוישען אויף זייער גאָט,
וועגן נישט געהער זיי: ס'לעבען, טעכטער און פערמעגען...

און דער רב ער הערט, די מחנה געהט און לאַכט,
די טעכטער רופט ער צו... דער חלף האָט געלויכטען...
„שטרעקט צו גאָט די העלזער, קינדער"... און געמאַכט
א ברכה אויף דער שחיטה... און ער האָט גע'שחט'ען"...

כ'ציטער... אָ זעה נאָר, אין קוימען דעריבען...
אויגען... זעה, העלזער פון מעדלעך... אָ, רויטע...
נעבעלדיג־נאַם...
קום איצט, מיין ליעבסטע, אַהיים אין דעם צימער,
כ'מיין, אַז עס איז איצט די שעה, ווען די טויטע
שפּאַצירען אין גאַם...

זעה נאָר ווי ס'מישט זיך אוים אָבענד מיט נעבעל,
ס'רינען די הימלען... זיי וויינען מיט טרערען...
וויינען פאַר שרעק...
זעה נאָר ווי פינסטער!... כ'וועל שטאַרבען פאַר פחד...
רחמנות! אַך גיב מיר אַ שטערען... אַ שטערען...
לייכט מיר דעם וועג...

VI.

און קומט אָן דער חצות פֿון דער הערבסטיגער נאַכט,
דו שלאָפֿסט און דו חלומ'סט פֿון ליפּענפֿלאַם — רויט.
און ס'פּויקען די נאַכטישע טראָפּענס אין שויב —
זיי פּויקען דעם ניגון פֿון שוואַרצקייט און טויט...

און שטיל איז אין צימער... און ס'טונקעלט די לאָמפּ...
און ווייס איז דאָס קישען... דו אָטעמסט בעשווערט...
און ס'וויינט פֿאַר מיין פֿענסטער דער ווינד פֿון דער נאַכט,
עס קלאָגט אויף זיין חורבן דאָס האַרץ פֿון דער ערד...

און ס'גלאַנצט אין דער טונקעל דיין ראָב־שוואַרצער קאָפּ...
עס ציטערט דיין ברעהם — האָסט אַ חלום געזעהן... —
ערשיינט פֿאַר מיר ווידער מיין חלום פֿון לאַנג, —
דאָס איז אויך אַ הערבסטיגע ליעבע געווען...

זי איז אין מיין צימער געקומען ביינאַכט,
געטראָגען דעם חלום פֿון הערבסט אין איהר האַרץ,
געשעפּטשעט אַ שורה פֿון עפּעס אַ ליעד:
„די נאַכט, זי איז פֿינסטער, די נאַכט זי איז שוואַרץ"...

איהר קאָפּ איז געווען גינ־גאָלדענער גלאַנץ,
איהר אויג האָט געבליצעלט ווי מאָרגענליכט בלוי —
און דאָך אין איהר האַרץ האָט דער הערבסט שוין געוואַכט,
איהר ליעבע, ווי הערבסט גלייך, געווען איז גרוי...

איהר אָטהעם געהויכט האָט ווי נעבלען פֿון בערג,
וואָס טריעבען דאָס אויג און דאָס האַרץ ווערט בעשווערט —
אַ מאָל, כ'האָב געקושט זי, האָט זי מיך געפֿרעגט:
דו ווייסט, אַז דער הערבסט־ווינד שפּאַצירט אויף דער ערד?...

געבליבען איז מיר נור די שורה פון ליעד:
„די נאַכט זי איז פינסטער, די נאַכט זי איז שוואַרץ"...
פערשוואונדען צוזאַמען איז זי מיט דעם הערבסט —
פערבליבען פון איהר נור איז הערבסט אין מיין האַרץ...

VII.

נאַכט.

זעה די נאַכט, ווי טריעב, ווי גראָה,
העהר די ווינדען ווי זיי קלאָגען — —
ס'איז געקומען שוין די שעה —
לאָז מיך...ווידוי געה איך זאָגען...

זעה די נאַכט... אָ, בררר... ז' פּוילט!...
ס'שיט זיך ערגעץ קנאָכען, שאַרבען...
טויטקייט זאַפּ איך און מיך גרוילט —
אוי, אַשרעק...די וועלט געהט שטאַרבען...

זעה דעם! הימעל — בלינד און גראָה ;
ס'שטאַרבט די וועלט, פערגלייזט די אויגען — — —
ס'איז געקומען שוין די שעה — — —

זעה, ס'איז דאָרטען וואָס געפלויגען,
ווי אַ שוואַרצע פייל פון בויגען,
אפשר נאָר אַ שוואַרצע קראָה...

ביינאַכט.

וואַך אויף, מיין ליעבסטע, און לאָז מיך נישט זיצען
אַליין אין דעם צימער; איך שרעק זיך... ס'איז נאַכט...
הער נאָר ווי שטיל ס'איז... אָ, קוק אָן די בילדער —
איין פּנים פערקרומט זיך און ס'צווייטע — עס לאַכט...

ס'לאַכט און עס שרעקט מיך, עס לאַכט ווי אַ טויטער...
אַ בילד הענגט אין שאָטען, אַ בילד פון אַ מת —
ס'ווינקט מיט די אויגען... עס ציט'רען די ברעמען...
עס גרייט זיך בעווייזען אַ שרעקליכען נס...

ס'טיקט זיך די לאָמפּ און עס ציטערט אַ שאָטען,
כ'האָב מורא עס וועט זיך בעווייזען אַ גרייז —
טייטלען מיט פינגער... אָ, הער נאָר דעם זייגער...
אוי, ס'קראַצען אין ערגעץ אַ ווינקעל די מייז...

גלייך ווי די מתים מיט קנאָכיגע פינגער
נעגרימפּעלט אַ ניגון אַ קאַלטען אין גרוב,
גרימפּלען אויף ביינער אין קבר אין טויבען — — —
אָ, זעה נאָר ווי ס'גלאָצען די ווינקלען פון שטוב...

וואַך אויף, מיין ליעבסטע, דער ווינד רייסט אין דרויסען,
ער פייפט אין דעם קוימען און וויינט ווי אַ קינד,
קרעכצט ווי אַ גוסס, וואָס קאָן נישט דערשטאַרבען —
מיר דוכט, אַז עס שעלט מיך מיט קללות דער ווינד...

ס'ריהרט זיך אַ שאָטען... דאָס איז דאָך מיין שוועסטער —
געשטאָרבען אַ קינד נאָך ביינאַכט אין דער שפּעט...
פונקט האָט דער זייגער אַ שעה אויסגעקלונגען —
די ליפען פערקרומט זיך, די אויגען — פערדרעהט...

LIBRARY
OF THE
OF DENVER

ז'איז איצט געקומען... אָ, קוק אָן דאָם פּנים —
אַ העלפט דערפון ווינט און די צווייטע, אָ, לאַכט...
וואַך אויף מיין ליעבסטע און לאָז מיך נישט זיצען
אַליין אין דעם צימער... איך שרעק זיך... ס'איז נאַכט...

דער גרויער וועג.

דאָרטען וואָגלען שאָטענס ווּיסטע,
ווי פֿון שדים טויט־מחשבות,
דאָרטען פֿריהרט דער טויט אויף בוימער,
און אַ ווּיסטער גרויער געַנען,
הענגט דאָרט, גליווערט אין דער לופֿט,
ווי אַ גסיסה־אָטהעם שווערער,
ווי אַ טויבער קבר־דופֿט...

קומט אַ נאַכט פֿון טויבען שטורם,
בלאָנדזשען דאָרטען פֿוילע ווינדען,
ווי פֿון ווּיסטע רויבער־פֿויגעל,
די נשמות וואָלטען פֿליהען,
מיט די פֿליגעל אויסגעדאַרט,
און זיי שלעפּען זיך אין מדבר
פֿון די שדים אומגענאַרט...

און דער הימעל איז אַ פֿלאַכטע,
ווי פֿון שוואַרץ און גרויע לייוונט,
און די שטערען, טריעבע, גרויע,
גרויע מיאוס׳ע, בלינדע ליכטלעך
און אַ מתים־בעט—די ערד,
מיט אַ בר־מנן בעלאָדענט,
מיט אַנ׳אַלטען מת בעשווערט...

דאָרטען שטעהען טויטע ווערבען,
וועלכע קרומען זיך אין בלינדקייט,
דאָרטען פֿוילען אויף טאָפּאָלען

מיעדע חלומות פֿון אַ גוסס

— — — — — — — — —

און די מענשען נעכט און טעג,
חלומ'ען פֿון ווייסע ליליען,
ווייסען נישט פֿון גרויען וועג...

193065

אַ חלום.

כ׳האָב אַ מעדעל איז איהר נאָמען —
(ס׳איז דאָך אייך גאַנץ גלייך!)
אויגען האָט זי גלאַנציג־שוואַרצע,
און דאָס פּנים בלייך...

יעדען אָבענד שטיפט זי מיט מיר,
לאַכט מיט האַרציג גליק —
און ווי ס׳קומט נאָר דער פֿריהמאָרגען,
איילט זי אין פֿאַבריק.

ווייסע לייוונט מאַכט זי דארטען,
אַרבייט ביז פֿאַרנאַכט,
ביז זי ברענגט מיר ס׳גליק אין צימער—
קומט אַריין און לאַכט...

זי דערצעהלט מיר טויזענד מעשה׳עס,
פּרעסט מיך צו איהר האַרץ —
מיר צוברענען זיך אין פֿלאַקערס,
ווען אין שטוב ווערט שוואַרץ...

איינמאָל, ס׳האָט דער טאָג געזונקען,
איז אַ זאַך געשעהן —
כ׳בין געשלאָפען, און אין חלום
בין איך טויט געווען;

ס׳האָט געזונקען און געשפּיגעלט
אין מיין פֿענסטער רויט,
שטום די זון אין פֿלאַמען־פֿאַרבען—
פּלוצלינג — איך בין טויט...

טונקעל איז געווען אין צימער —
כ׳גוס׳ע און איך שטאַרב —
מיר צוקאָפּענם ברענען ליכטלעך
פון אַ געלער פאַרב...

און ביים טיש מתעסקים שטעהען —
סובות ווערט געמאַכט —
כ׳ליג אויף דר׳ערד, איך העהר, פערשטעה אלץ:
„ס׳האָט מיין טרוים געקראַכט״...

כ׳גיב אַ קוק נור אָן די לייווענט,
ס׳ווערט אין קאָפּ מיר שוואַרץ:
אוי, כ׳דערקאָן: געמאַכט האָט דאָס, די
ליעבסטע פון מיין האַרץ׳...

ז׳האָט אין נעכט געגעבען לעבען,
לעבענסליכט און גליק,
און דורך טעג געגרייט דעם טויט מיר
דאָרטען אין פאַבריק׳...

— — — — — — — — —

„— קוש מ׳ך, ליעבסטער! וואָס דען ויצסטו
טיעף אַזוי פערטראַכט?״
כ׳האָב געעפענט מיינע אויגען —
ס׳מעדעל שטעהט און לאַכט...

— נור אַ חלום... אָ, מיין ליעבסטע,
עפעם שרעקט דיין בליק — —
האָסט אַ גאַנצען טאָג געאַרבייט
לייווענט אין פאַבריק...

*
* *

הערבסט, מיין קינד, ווי ס'וויינט דער וואַלד,
ווי ס'קלאָגט דער ווינד און היילט און ברומט ? —
נישט דער וואַלד, ער וויינט עס נישט,
דער וואלד ער שווייגט, דער וואַלד ער שטומט. —

אין זיין האַרצען, דאָרטען טיעף,
קלאָגט זיך שטום דער מענשען־טרוים;
מענשען האָבען דאָך געוועבט,
חלומות אונטער יעדען בוים —

די בוימער וואַקסען הויך און שטאָלץ,
דער הימעל לאַכט צו זיי אַראָב,
דער וואַלד ער גרינט און וואַקסט מיט קראַפט,
די חלומות דאָך זיי שטאַרבען אב...

הערבסט, מיין קינד, ווי ס'וויינט דער וואַלד,
ווי ס'קלאָגט און ב־ומט דאָרט יעדער בוים? —
נישט דער וואַלד, דער וואַלד ער שווייגט —
ס'גוס'עט דאָרט דער מענשען־טרוים...

בענקשאפט.

.1909

בענקשאַפֿט.

אין אָבענד, ווען שאָטענס צעשווימען זיך שטילע,
צעפֿלאַטערט אין לופֿטען אויף דעכער, אויף פֿלעטער,
ווען ס׳ציטערען גאָלדענע נעבלען אין עטער,
ס׳צעגיסט זיך אין נסיסה אַ בענקענדע תּפֿלה,
און שטאַרבט אויף די ברוסטען פֿון לופֿטיגע געטער,

בעוויזט זיך מיר דאַמאָלס די בענקשאַפֿט—די געטין
מיט גאָלדענע לאָקען, מיט בליקען, וואָס בלויען,
ווי וועלדער בעשפּינען מיט נעצען פֿון טויען,
מיט בליקען, וואָס צערטלען מיט וועהטאָג און גלעטען—
אין וואָלקען פֿער׳טלית׳ט, פֿערמאַנטעלט אין גרויען...

און קושט מיך א שטומע די ליפּען, די אויגען,
און שטרעקט אויס איהר אָרעם צום מערב, וואו ס׳טרוימען,
אויף זילבערנע וואָלקענס מיט גאָלדענע זוימען,
מלאָכ׳ישע קינדער, וואָס ווערען געוואויגען,
אויף וואַלען פֿון ליכטיגע, גאָלדענע שוימען...

און לייגט מיר מיין קאָפּ אויף איהר ברוסט צו פֿערוויעגען,
און שטרייכעלט די האָר מיר און גלעט מיר דעם שטערען—
עס פֿינקלען צוויי טראָפּען—צוויי פּערעלנע טרערען,
און וויעגט מיך אַ שטילע... עס ציטערט אַ ניגון
אָהן טענער, אָהן קלאַנגען – אַ שטומעס בעגעהרען...

און ניםט מיר איהר ניגון ווי טראָפּענס אין האַרצען,
און הילט מיך אין מאַנטעל פֿון נעבעל געשפּונען,
געשטריקט פֿון חלומות, וואָס זענען צערונען...
דער מערב, ער לעשט זיך, עס הויבט אָן צו שוואַרצען –
מיר שטרעקען די הענד אוים: די הימלען... די זײַען...

עס וויעגט זיך דער אָטהעם, מיר הויבען די אויגען,
צום הימעלס געשלאָסען־פערהאָנגענע שויבען —
אַך, פליעגעלעך ווייסינקע '.. ליכטיגע טויבען...
זיי זענען פון הונטער אַ וואָלקען געפלויגען,
געשנימען דעם חושך מיט ווייסקייט פון גלויבען...

עס צוקען די ברוסטען, מיר שטרעקען די אָרעמס:
די טויבען... די טויבען וואו זענען געפלויגען?...
צו מזרח?.. צו מערב?.. מיר הויבען די אויגען —
נור באַרגיגע וואָלקענס, געפליגעלטע טורעמס...
די טויבען... די טויבען וואו זענען געפלויגען?...

זי הילט מיך אין אָרעם, פערוויעגט מיך אין שוים,
געטוליעט צו ברוסט פון דער מאַמען, די נאַכט;
די וועלט איז געשלאָסען, דער הימעל — פערמאַכט,
מיר לעכצען ווי ס'לעכצעט צו שטראַלען די רויז...
מיר שיקען די אויגען צו זוכען די פראַכט,

וואָס ערגעץ פערבאָרגען אין אַלט־אַלטען שלאָס,
בעהאַלטען פון יאָהרען ליגט אונטער אַ ריגעל — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אין מזרח שוין וויעגט זיך דער מאָרגען אין וויעגעל — —
מיין געטין '.. פערגאַנגען אין שוואַרצקייט פון חצות...
געבליבען איז נור אויף מיין שטערען איהר זיעגעל...

די זון פֿערגעהט...

די זון איז פֿערגאַנגען — —
פֿון ליעבע,
פֿון וועהטאָג,
פֿון רויטע פֿערלאַנגען— —
פֿון תענוג,
פֿון שמערצען —
די זון איז פֿערגאַנגען — —

מיט וועהטאָג אין האַרצען
מיט ליעבע,
מיט טרויער,
פֿערהילט זיך אין שוואַרצען
די שכינה,
די מאַמע —
מיט וועהטאָג אין האַרצען..

און צוקט מיט אַ פֿליעגעל,
און וויעגט איין
די וועלטען ;
אַ מאַמע ביים וויעגעל
פֿון טויטען
בן־יחיד, —
און צוקט מיט אַ פֿליעגעל..

* * *

עס ציהען די טעג זיך ווי טריעב־גרויע וואָלקענס,
ווי נודנע חלומות — אָהן קלאַנגען, אָהן פאַרבען;
דער זייגער, וואָס הענגט אויף מיין וואַנד נור ער ווייזט מיר,
אַז ס'נעהנטערט זיך, נעהנטערט די שעה פון מיין שטאַרבען...

עס גליהען דאָך, אָבער, אין האַרצען אין מיינעם
די פלאַקערס, וואָס ווילען נאָך הערצער צופלאַמען —
וואו זענען די גאָלדהאָריג כשוף־בת־מלכה'עס,
וואָס ליגען פערשלעפערט אויף גרונדען פון ים'ען ?...

וואו זענען די גאָלדהאָריג כשוף־בת־מלכה'עס
פון קינדישע מעשה'עס, וואָס ליגען בעהאַלטען
מיט אייביגע גליקען אין האַרצען פערשלעפערט —
וואו זענען די כשופ'דיג מעדעל־געשטאַלטען ?...

איך האָב דאָך געהערט, אַז זיי וואַרטען און שלאָפען,
ביז ס'וועט זיי אַ בחור דערוועקען צום לעבען,
מיט פלאַמען פון האַרצען... און זיין וועט ער גליקליך:
זיי וועלען דעם שליסעל צום א י י ב י ג איהם געבען !...

וואו זענען די כשופ'דיג מעדעל־געשטאַלטען ?
איך וויל זיי דערוועקען, מיט האַרצפלאַם דערצונדען!...
עס זענ' מיר שוין נמאס די טעג, וואָס פערזינקען,
די רגע'שע חלומות, וואָס קראַכען און שווינדען !...

וואו זענען די גאָלד'ען־פער'כשופ'טע שלעסער ?
איך וויל די בת־מלכה'עס צום לעבען ערוואַכען! —
אָ, מעדלעך! ווער ס'וועט מיך מיט איי ביג בעגליקען,
די וועל איך צו כשוף־בת־מלכה מיר מאַכען !...

אין וואַלד.

פֿער'חלומ'ט אין שטילקייט פֿערוויעגט זיך דער וואַלד,
די צווייגען — צעפֿלאָכטענע צעפּ.
עס האָבען בעהערשט אונז די חלומות פֿון וואַלד,
מיר שווייגען אין בויגען די קעפּ...

עס ציהט זיך אין בענקשאַפֿט אַ צווייג צו אַ צווייג,
עס ציטערט דער אָטהעם אין ברוסט. —
נאָך פֿלאַקערט אין מערב דער קוש פֿון דער זון,
און פֿלאַקערט און ברענט דאָרט אין לוסט...

ס'צובענקט זיך דער הימעל צום וואַלד און צו ערד,
דער אָבענד ער גיסט זיי צונאַנד,
דורך בלויליכע נעבלען, און שפּינט זיי אַ נעץ
פֿון זיידענעם טונקעל געוואַנד...

ס בענקט אויך מיין האַרץ און פֿערוויגען זיך וויל,
פֿערוויגען און שפּינען זיין טרוים,
זיך פֿלעכטען די אָרעמס מיט דיר, אָ, מיין קינד,
ווי ס'פֿלעכטען זיך צווייגען פֿון בוים...

דאָך בלייבען מיר ווייט זיך מיט פֿלאַקערס אין האַרץ,
פֿון בענקשאַפֿט פֿון גלוסטען פֿערצעהרט —
וואָס ס'מעגען די בוימער, די צווייגען אין וואַלד,
איז קינדער פֿון לעבען געשטערט...

דאס אלטע שלאס.

I.

זיבען וועגען ציהען זיך
צו דעם האַרצען פֿון דעם שלאָס,
דאָך איך געה נור אויף דעם וועג,
וואָס ענטפלעקט זיך ערשט אין חצות..

ווען די ווערבען וויינען שטיל,
און די לינדען קלאָגען זאַכט,
און פֿון שוואַרצען זייד־געוועב
נעהט אַ טלית זיך די נאַכט...

דאָך איך געה נור אויף דעם וועג,
וועלכער ווערט פֿון נאַכט געהיט,
ווען די מלכה פֿון דעם צער
שפרייזט אויף איהם מיט לייכטע טריט..

ווען די מלכה פֿון דעם צער
עפֿענט פֿאַר דער וועלט איהר האַרץ—
דאָרטען, דאָרטען שטעהט מיין טראָהן,
דען איך בין דער פרינץ פֿון שמאַרץ!...

II

די לעגענדע פון שלאס.

דאָרט וועבען זיך שאָטענס אין גרינעם געוועב,
דערצעהלען אַנ'אַלטע לעגענדע.
דאָרט ווינקען זיך סודות אין שטילען געשוועב
אַמעשה אָהן אָנהויב, אהן ענדע;

דאָרט צווייגען זיך בוימער אין דיכטען געצווייג,
און מורמלען און שעפּטשען פאַמעלעך,
דערצעהלען זיך מעשה'עס אין שטומען געשווייג,
די מעשה פון פוילישען מלך:

„די מלכה -- אַ יונגע, דער מלך — אַ העלד,
זיי וואוינען אין פּאַלאַץ אין זיידען-געצעלט.
די פענסטער — ווי אויגען—מיט בוימער בעשטעלט,
זיי פונקלען און שמייכלען אַריין אין דער וועלט...

אין אָבענדען וויכע פערוויעגט זיך דאָס פּאָר,
די אויגען פער'חלומ'ט, צעפּלאַטערט די האָר. —
צום ליעבע-געלעגער בעגלייט זיי אַ כאָר,
מלאָכים-געזאַנגען רעגי'רט פון אַמאָר...

דאָס חדר איז טונקעל... דאָס בעטעל איז בלוי...
די אָרעמס די שטאַרקע, זיי וויעגען די פרוי,
בעטרונקען מיט גליק פון דער ליעבע ווי טוי —
דאָס חדר איז טונקעל... דאָס בעטעל איז בלוי...

דער מלך, דער גבור, פול תאוה און גלוט,
בעטרינקט ער די מלכה מיט לעבען און בלוט,

די מלכה, זי שעמט זיך און.. האַלזט איהם, און רוהט
אין אָרעם פֿון מלך פֿול תּאַוה און גלוט...

און ווי נאָר עס הערט זיך פֿון אָבענד דער קלאַנג,
וואָס וויעגט זיך אויף פֿעלדער, אויף בוים און אויף זאַנג,
פֿערוויעגט זיך דער פּאַלאַץ אין שאָטען-געזאַנג,
פֿון טייכעל בערינגעלט — אַ זילבערנער שלאַנג...

די לבנה זי שפּיגעלט און שמיצעלט אין שויב,
בעוואַכענד דאָס נעסטעל פֿון אָדלער און טויב,
דערצעהלט דאָרט די וואָלקענס דעם רוהם און די לויב,
פֿון העלדישען מלך און מלכה די טויב...

עס שווינדען די נעכט אין דעם אָבגרונד פֿון צייט,
עס ציהען די טעג זיך ווי רינגלעך אין קייט — —
דאָ גרינען די בערגער, דאָ ווידער פֿערשנעהט —
דער פּאַלאַץ נור איינער איז אויסער דער צייט...

דער מאָרגען ער שפּראָצט דאָרט אין מזרח די וייט,
דער אָבענד ער בליהט דאָרט ווען מאָרגען פֿערגעהט,
דער פֿריהלינג בעגליקט דאָרט, דער ווינטער דערפֿרעהט, —
דער פּאַלאַץ פֿון ליעבע איז אויסער דער צייט !...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ מארגען געקומען איז, מאָרגען פֿון קריעג,
די זון זי דערשרעקט זיך און ציהט זיך צוריק,
עס טרוירען די מענשען, עס פֿינסטערט זייער בליק—
דער מלך נור איינער פֿול תּאַוה נאָך זיעג,

ער רייט שוין געפּאַנצערט אַריבער דער בריק,
און שרייט אויס אין צאָרן: „מיין לעבען פֿאַר'ן זיעג !"...
עס שעפּטשען די ווינדלעך אין שטומען געוויעג :
„אַ מאָרגען... אַ מאָרגען... אַ מאָרגען פֿון קריעג"...

עס שפּיגלען אין לופטען די שפּיצן און די שווערד,
עס הילכען טרומייטען, עס הירזשען די פערד,
עס וויעגען זיך בערגער, עס ציטערט די ערד...
די מלכה, די יוגענד, פערשאָטענט פערטרעהרט,

פערוועצט זיך אין ווינקעל אין ליעבע־געצעלט,
פון מענשען פערבאָרגען, און קוקט אין דער וועלט,
דורכ׳ן פענסטער פון פאַלאַץ מיט בוימער בעשטעלט:
ווען קומט שוין איהר ליעבער, דער מלך, דער העלד...

עס צוקט איהר אין האַרצען, עס לעכצעט די שוים,
ווי ס׳לעכצעט פעראיינזאַמט אין שאָטען די רויז...
די ליעבע, זי פלאַקערט, די וועהטאָג איז גרויס — —
עס צוקט איהר אין האַרצען, עס לעכצעט די שוים...

— — — — — — — — — — — —

עס קלינגען די גלאָקען אין טיעפען געקלאָג,
עס קאָרטשעט זיך שרעקענד אין גרויען דער טאָג —
אַ שליח געברענגט האָט אין ווילדען געיאָג,
אַ בשורה אַנ׳אומגליק, אַ בשורה פול קלאָג:

„עס שטורמען די קריעגער אין ווילדען געשלאַכט,
עס שטיקט זיך אין פינסטערניש וויינענד די נאַכט,
אַ שאָטען אַ וויסטער נור ער האָט געלאַכט,
דערפרעהט פון געדאַנק, אַז די ערד ווערט צוקראַכט...

עס בליצען די שווערדען, צעשניידען די נאַכט,
און זונקען אין הערצער — עס ברויזט איצט די מאַכט!
און פאַרבען מיט רויטקייט דאָס קלייד פון דער נאַכט,
דער הימעל, ער פיבערט, דאָ וויינט ער, דאָ לאַכט...

די בוימער פער׳חושך׳ט אין שטומען געוויין,
דער שטערען דער לעצטער ער לעשט אוים זיין שיין,

דאָס האַרץ פֿון דער וועלט, עס פֿערשרומפּפּט זיך אין פּיין —
דער מלך ער פֿאַלט דאַן אין פֿאַנגשאַפֿט אַריין" — — —

— — — — — — — — — — — —

דער מלך אין ווייטעסטע לענדער פֿערשמאַכט,
די מלכה אין בענקשאַפֿט פֿערשלאָסען, פֿערמאַכט,
אין פּאַלאַץ פֿון טרויער פֿערוועהטאָגט, פֿערטראַכט,
עס שאָטענט איהר אויג ווי דאָס טייכעל ביינאַכט...

אין ברוסט פֿון דער מלכה צעבליהט זיך דער שמאַרץ,
זי וואַנדעלט אין פּאַלאַץ און זוכט דאָרט איהר האַרץ — —
דער אָבענד ער קומט דאָרט פֿערשמאַכטעט און שוואַרץ —
אין ברוסט פֿון דער מלכה צעבליהט זיך דער שמאַרץ...

און שפּראָצט נאָר דער מאָרגען אין מזרח די זייט,
פֿערטונקעלט שוין אָבענד — דער מאָרגען פֿערגעהט...
די מלכה פֿערשטומט דאָרט אין שוואַרצען געקליידט —
אין פּאַלאַץ צעבליהט זיך דער צער און די לייד...

די בענקשאַפֿט צעפֿלאַטערט, צעשפּראָצט זיך און בליהט,
די וועלטען, די הימלען, זיי ווערען פֿערהילט
אין שלייער אין שוואַרצען... עס האָט זיך צעשפּיעלט
אין שטילע געוויינען, פֿער׳יתומ׳ט אַ ליעד...

און גיסט זיך און גיסט זיך אין חלל פֿון וועלט,
ווי ס׳וואָלט ווער געבעטען זיך, אָדער עס שעלט,
פֿון וועהטאָג, פֿון צרות, יסורים־געקוועלט,
אַ גאָט — און פֿערמעסט זיך פֿערוויסטען די וועלט...

די וועלטען צוגעהען אין וועה און אין צער,
צעשמעלצען אין בענקשאַפֿט, צעפֿליסען אין גאַר...
עס עפֿ׳נען די הימלען פֿון רחמים דעם שער — —
עס פֿורכטעט כביכול, פֿון וועלטען דער האר:

א מבול פון בענקשאַפט! ס׳גערט איבער דער כום!
און איינמאָל אין מורא פון וויינענדען חצות,
ווען ס׳האָט זיך די בענקשאַפט געגעבען א גאָס,
געדופען האָט גאָט דאַן: ס׳זאָל ווערען דאָס שלאָס!...

דאָס האַרץ פון דער מלכה אויף שלעסער פערמאַכט,
פער׳חתמ׳עט מיט חתימות, מיט שטילקייט פון נאַכט,
מיט בערגער בערינגעלט — אַ פעסטונג געמאַכט:
מיט סודות פעריגעלט... און האָט איהם פ ע ר ט ר אַ כ ט...

און יאָהרען צורינען, צוגעהען אין רוים,
ווי ס׳שוואונדעט פון טייכלעך דער זילבערנער שוים —
דאָס שלאָס אַ פער׳כשופ׳טער האַרצענס אַ טרוים,
עס שטעהט ביחידות — א חלום אין תהום...

מיט ביימער בעוואַקסען, מיט בליהענק פון וועה,
דער ווינטער פערבליצט איהם מיט פראָסט און מיט שנעה,
עס ווינקט איהם פער׳חלומ׳ט מיט בלומען דער מאַי —
דער ווינטער, דער זומער — זיי געהען פערביי...

עס פלאַמט אויף אַ זון, דאָך פערזונקט זי, פערגעהט,
אויף תמיד, אויף אייביג דאָס שלאָס בלויז עס שטעהט,
דאָס שלאָס פון דער ליעבע, פון בענקשאַפט און לייד —
די ליעבע, די בענקשאַפט איז אויסער דער צייט"...

דאָרט רוהען די בערגער פערטיעפט און פערטראַכט,
און זונקען אין אייביגען דרימעל,
דאָרט קוקען די ביימער פערבענקט און פערשמאַכט,
און לעכצען און נאָרען צום הימעל...

ווען ס׳ברויזען די נאַסען פון מענשען־געיאָג,
פערזונקט דאָרט דאָס שלאָס אין חלשות

פֿערטראָגט נישט און ליידט נישט דאָס גרויקייט פֿון טאָג...
ערוואכט ערשט צו בין־השמשות...

ווען וואָלקענס בעגלייטען די זון צו איהר רוה,
מיט ליכטער, מיט פֿלאַמען מיט רויטע;
די טויערען פֿון הימעל, מ׳שליסט ווי שוין צו —
בעגראבעי,בעקלאגט שוין די טויטע...

און שפּינט זיך נאר אוים אין געהיימקייט דער חצות,
ווען ס׳בלאָנדושען אויף וועגען די טרוימער,
צוגיסט זיך אין שטומע געוויינען דאָס שלאָס —
עס וויינען די בערגער, די בוימער...

אין שטומע געוויינען פֿער׳צער׳ט און פֿערשמאַכט —
ס׳ערוואַכט אין דער מלכה די פֿלאַמען...!
און טוליעט צום ברוסט זיך פֿון שלאָפֿענדער נאַכט,
צום ברוסט פֿון דער שטום־ליעבער מאַמען...

III.

אבטנד.

ס'האָט זיך די שטילקייט צונאָסען אין עטער.
ס'האָט זיך דער עטער אין שטילקייט פערוויענט.
חלומ'דיג קושען זיך דאָרטען די געטער,
ס'קושען זיך ווינדלעך מיט בוימער און בלעטער,
ס'האַלדזען זיך שאָטענס אויף בוימער געוויענט...

ס'שטייגט איצט פון פעלדער די בענקשאַפט, די שטילע,
ציהט זיך צום הימעל אין נעבעל געריימט.
באַלד שליסט מען די טויערן פון הימעל—ס'איז נעילה...
ס'פליסטערט און פלאַטערט פער'חלומ'ט אַ תפלה,
טונקעל געשאָטענט אין זילבער געזויימט...

ס'שוועבען איצט סודות נאָך קיינמאָל געטרוימטע,
ס'בענקען די הערצער און ס'בלאָנדזשען די קעפ...
ביי ברעגען פון טייכלעך מיט וועלדער בעזוימטע,
שפינען חלומות נאָך קיינמאָל געשר'ימטע,
וויס'נקע מעדלעך מיט שוואַרצינקע צעפ...

די פעלדער, די גרינע, זיי זונקען אין דרימעל,
שטום אין זיין צער נור דאָס שלאָס בלויז עס וואַכט,
און שטרעקט זיינע צווייגען—די הענד צו דעם הימעל
און גיסט זיין געבעט אויס אין נאַכט־שטום געווימעל —
ס'וועבט זיך אַ שטומע, אַ לעכצענדע נאַכט...

מעלאָדראַמאַ.

(פון אַ פּאָעמאַ.)

ס'איז דער זאַל פערפלייצט פון בליץ און ליכט און שיין.
זונען בליצען, בלענדען פון די מאַרמאָר־ווענד.
ס'לעבען־אויף די בילדער אויסגעהאַקט פון שטיין:
כשוף־מעדלעך נאַקעטע גרייכען זיך די הענד. —
ס'איז דער זאַל פערבליצט פון ליפּען רויט ווי ווין,
יונגע מעדעל־אויגען — תאוה־גליק צעברענט.

מעדלעך צאַרט און ווייך, און גלייך ווי לייכט פערשנעהט,
ברענען די בריליאַנטען רויט און גרין און בלוי,
אויף די ווייסע העלדזער־שנעה ווען זון פערגעהט...
אויף די לייכטע גאַזע — טראָפּען מאָרגענטוי...
ס'שאַלען לידער־פלאַמען: פידעל־קלאַנג און פלעהט —
ס'בליצט דער זאַל און בלענדט פון אויגען שוואַרץ און בלוי...

ליכט און גלאַנץ און פרייד, און גליק און פאַרב און פראַכט,
צאַרטער פרויענדופט און פלאַמען־פידעל קלאַנג! — — —
— — — ס'טונקעלט זיך דאָס ליכט... צי דעמערט דען די נאַכט?
ס'ציטערט אין דער לופט אַ פרויען, האַרץ־געזאַנג;
ס'שטורעמט און עס בעט זיך, ס'קלאָגט זיך און עס לאַכט,
ס'פלאַקערט און עס פלאַמט, און סאַמעט־ווייך און באַנג...

ס'הויבט אַ פאָרהאַנג זיך, עס ווערט אַ וועלט ענטפּלעקט:
גרינער בלומענטעפּיך... אָ, אַ בלויער וואַלד!
טונקעל שאָטענטרוים, מיט שטילער נאַכט בעדעקט —
פון זיין טיעפקייט טרעט אַ ליכטיג פרוי־געשטאַלט,
אָרעם זונען־ווייס צום הימעל אויסגעשטרעקט.
ס'פלאַמט דאָס אויג מיט ליכט און בליקט מיט צער פון וואלד..

זעפּיר־בלוי דאָס קלייד, דער האַלז איז ווייסער זייד,
לאָקען־גאָלד דער קאָפּ, ווי וואָלקענס רויט צעגליהט.
דעמערבלוי דאָס אויג און שטראַלט מיט ליכט פון לייד,
ווי עס שטראַלט דאָס טייכעל ווען דער מערב בליהט,
און בריליאַנטען בליצען פון דעם בלויען קלייד —
שטערען פון דער בלויקייט פון דער נאַכט געהילט...

קאַרמין־רויט די ליפּ, אַזוי ווי זונען־בלוט,
ווען דער מערב ברענט, ווען דער אָבענד ציהט —
אַקסלען ראָזע־ווייס... און פערשמאַכט פון גלוט
בליקט זי אין דער ווייט, און זינגט אַ בענקשאַפטס ליעד:
ז'איז אַ פּרינצען־קינד, פון דורות קעניג־בלוט: —
ס'איז פערבענקט איהר האַרץ, פון ליעבשאַפטליד צעגליהט...

„אַ פּאַסטוך איז ער... ס'פּנים בלייך,
די ליפּען רויט ווי ווין —
און זיינע לאָקען גאָלד צוגלייך —
די אויגען—שטערען־שיין...

ער איז [א] פּרינץ פון פעלד און בלום,
מיין האַרץ איז ליעבשאַפט־קראַנק —
אָ, נאַכט! וואו איז דען, זאָג מיר, וואו,
דער פּרינץ פון פעלד־געזאַנג?"

ז'קלאַגט זיך פאַר דער נאַכט אין אַ האַרץ־געוויין,
זי בעשווערט די נאַכט, דעם בוים און פעלד און זאַנג,
איידער ס'גרויט די לופט פון דער זונען־שיין,
פיהרען זי צום אָרט פון איהר האַרץ־געפאַנג —
— „שווייג אָ האַרציג קינד, דיין פּאַסטוך וועל איך זיין" —
ציטערט אין מיין האַרץ ווי ס'וואָלט געזאָגט אַ שלאַנג — —

איך בין אויך אַ פּרינץ פון פעלד און בלום־געזאַנג,
און מיין אויג איז בליק, און וועה מיין האַרץ איז פלאַם — —

לאָז דער פּאַסטוך דאָרט פֿערבלייבען אין זיין פֿאַנג — —
ס'פֿלייצט מיין האַרץ אַ שטראָם, אַ פֿייער־ליעבע יבֿו...
נאָר די פֿאָרהאַנג פֿאַלט, עס לעשט זיך דאָס געזאַנג,
עס ווערט דער זאַל פֿערפֿלייצט פֿון ליכט און בליץ און פֿלאַם...

ראמאנס.

קום שוין, קום שוין, יונגלינג שעהנער
אין מיין ביידעל צווישען צווייגען —
קיינער וועט דעם סוד נישט וויסען,
שטום וועט איהם דער וואַלד פאַרשווייגען...

אין דעם וועלדעל שטעהט מיין ביידעל,
נעבען ביידעל פליעסט אַ טייכעל —
מיט דעם אָבענד קום מיין יונגלינג;
קריגסט פאַר יעדען קוש אַ שמייכעל...

מיינע קושען — שטאַרקע ווייגען,
און מיין שמייכעל — טויזענד חן
שטערען שוואַרצע — מיינע אויגען,
ווייסע פערעל מיינע צייהן!...

קום שוין, קום שוין, יונגלינג שעהנער — —
חבר־וואַלד וועט נישט אויסזאָגען —
כ'וועל דיך פלעכטען אין מיין אָרעם
ביז די זון וועט אונז בעטאָגען...

ווינטער אין וואלד.

זעה נאָר, מיין קינד, ווי פערשימערט אין שטילקייט,
הילט זיך דער וואַלד איין אין שנעה־ווייסען בלאַנק,
כ'וועל איהם אַ ווייסע פאַנטאזיע צונעמען,
זיין ווינטערשען חלום — פאַר דיר אַ געשאַנק...

זעה נאָר, מיין קינד, ווי פערבליצעלט אין ווייסקייט
שטעהט ער דער וואַלד אין דמיונות פערקלערט,
און צווייגען ווי קרוינען פון זילבער־געבליץ —
האָסטו מיין קינד די לעגענדע געהערט ? —

ס'חלומ'ט דער וואַלד זי דורך גאַנצע מעת־לעת'ען —
ר'האָט זי אַליין נור אַמאָל אויך געהערט:
ס'האָט דורך זיין טיעפקייט אַ יונגע פרינצעסין
שנעל דורכגעבליצט אויף אַ ווייסינקען פערד...

פערשוואונדען אויף אייביג אין טיעפקייט פון בערג...
די מעשה איז אמת, זי איז ווען געשעהן —
דו ווייסט דאָך מיין קינד, אַז נור אמת איז דאָס,
וואָס האָט נאָך קיין מענשליכעס אויג נישט געזעהן..

מײַן נשמה.

אין אַ שבת בין־השמשות
האָט מײַן מאַמע מיך געבוירען,
ווען מען עפֿענט אויף אין הימעל
דעם גהינום׳ס שווערע טויערן...

פֿאַר די זינדער הייצט מען קעסלען —
ג׳נוג זיך שבת אויסגעשלאָפֿען! —
אפשר איז זי מײַן נשמה
פֿון אַ קעסעל גאָר אַנטלאָפֿען...

פֿון אַ קעסעל, וואו געפּרעגעלט
האָט זי זיך אין פּעך אין שוואַרצען,
און געבענקט צו דעם גן־עדן
שרײַענדיג פֿון ווילדע שמאַרצען...

און פֿאַר כעס אַרײַנגעשפּרונגען
אין מײַן גופֿ׳ל אין דעם שוואַרצען —
טראָג איך בענקשאַפֿט צום גן־עדן
און ס׳גיהינום אין מײַן האַרצען...

אַ געבעט.

אָ, גאָט בעוויז דיך דו צו מיר, דיין קנעכט,
איך האָב גאָרנישט, גאָרנישט מעהר...
די בענקשאַפט נור, וואָס ס'נאָגט אין בלייכע נעכט,
נור אַ ברענענדיגע טרעהר...
ווייטער גאָרנישט, גאָרנישט מעהר...

מיין ליעבע איז פערפלויגען ווי אַ ווינד,
מיר אַ סימן נור געמאַכט —
געוויזען מיר דאָס גליק און שרעק פון זינד
אין דעם בוזעם פון דער נאַכט...
און געלאָזט מיך טיעף פערשמאַכט...

די ווייסע פרוי מיט אויגען הימעל־בלוי,
איז אַוועק... נישטאָ שוין מעהר...
אַ טרוים געווען — — אַ ווייכע בלייכע פרוי...
אויגענגלאַנץ... אַ הייסע טרעהר...
ווייטער גאָרנישט, גאַרנישט מעהר...

דאָס מעדעל־בלום מיט ליפען קוילען־רויט,
ווי אַ שאָטען איז אַוועק — —
איך וויים... דאָס האַרץ זאָגט מיר: זי איז שוין טויט...
אוי, דאָס האַרץ איז פול מיט שרעק:
וואו דער אָנהויב, וואו דער ברעג ?...

מיין תפלה האָט קיין האַרץ — איך בין אַליין —
ס'האָט קיין מאַמע מיך געהאַט —
אין מדבר האָט פערלוירען מיך אַ שטיין...
כ'בין אַ ווינד־געיאָגטער בלאַט —
מיך האָט קיינער נישט געהאַט...

אָ, גאָט! בעוויז דיך דו צו מיר, דיין קנעכט
איך האָב קיינעם, קיינעם מעהר ;
מיין בענקשאַפֿט נעם צו דיר אין בלייכע נעכט,
און מיין ברענענדיגע טרעהר —
איך האָב קיינעם, קיינעם מעהר...

#135 −

50

85

אינהאלט:

ליעבע און וועהטאג:

	זייטע
דעמערונג	7
דיין בליק איז טיעף...	8
נאַכט.	9
מיין קינד.	10
אין רויטען שיין	11
עס לאסט אויף מיר	12
אַ רגע נאָך	13
שנעה־נעכט I	14
„ II	15
„ III	17
„ IV	18
אַ בריעף I	20
„ II	22
זי האָט געוויינט אין טיעפער נאַכט	23
אין שטילקייט	25
אַ נאַכט פֿון לעבען	27
זיי מוחל, קינד, מיין שווערע זינד...	29
כ'האָב געזעה'ן דעם טויט ביינאַכט	30

שרעק און גרויקייט:

ערב ראש השנה	35
שרעק	37
הערבסט I	38
„ II	39
„ III	40
„ IV	41
„ V	42
„ VI	44
„ VII	46
ביינאַכט	47

	זייטע
דער גרויער וועג	49
אַ חלום	51
הערבסט, מיין קינד, ווי ס'וויינט דער וואַלד	53

בענקשאַפט:

בענקשאַפט	57
די זון פֿערגעהט	59
עס ציהען די טעג זיך	60
אין וואַלד	61
I דאָס אַלטע שלאָס	62
II די לעגענדע פֿון שלאָס	63
III אבענד	69
מעלאָדראַמא	70
ראָמאַנס	73
ווינטער אין וואַלד	74
מיין נשמה	75
אַ געבעט	76